# 100 יונגע רבנים קריגען סמיכה
# אין ישיבת רבי יצחק אלחנן

**די געהויבענע שטימונג ביי דער פייערונג. — די איינדרוקספולע רעדעס פון פרעזידענט, הרב דר. שמואל בעלקין און הרב דר. בער סאָלאָוויציק. — די אויפגאַבען פון די יונגע רבנים אין אַמעריקע.**

פון הרב א. ב. שורין

הונדערט יונגע רבנים, צווישען זיי דרייצען רבנים־טשעפּלעינס, וועלכע דינען אין דער אמעריקאַנער ארמיי און נעיווי, זיינען געקרוינט געוואָרען מיט דער טראַדיציאָנעלער „סמיכה" לעצטען זונטאג, כ"א אדר, אין ישיבת רבנו יצחק אלחנן.

צוויי טויזענט פינף הונדערט געסט האָבען אנגעפילט דעם שעהנעם אוידי־טאָריום פון דער ישיבה, צווישען זיי די עלטערן, משפחה־קרובים און פריינט פון דער ישיבה, וועלכע זיינען געקומען אַנטייל נעמען אין דער גרוי־סער שמחה, סיי פון די יונגע רבנים און סיי פון דער ישיבה.

א גראַדיואַיישאַן אין ישיבת רבי יצחק אלחנן איז ניט פון די זעלטענע געשעהענישען. יעדען יאָר קומען דאָרט פּאָר גראַדיואַיישאַנס פון די סטודענטען, וועלכע גראַדואירען דעם קאָלעדזש פון דער ישיבה און קריגען דאָן זייער אקאַדעמישע דיגרי. אבער א „חג־הסמיכה" אין דער ישיבה איז א מער־זעלטענע געשעהעניש, ווייל דאָס קומט־פּאָר נאָר איין מאָל אין דריי יאָר. דעריבער איז די שמחה א פיל־גרעסערע. אין דער אמת'ן גע־רעדט, איז דער חג־הסמיכה דער הויפּט יום־טוב אין דער ישיבה. ווייל דער ציל פון ישיבה איז נאָך אַלעמען ארויסצוגעבען רבנים און ניט סתם קאָלעדזש גראַדיואייטס. דר. בעלקין, דער ראש־הישיבה און פּרעזידענט פון דעם ישיבה אוניווערזיטעט, באַטאָנט ביי יעדער געלעגענהייט, אז כאָטש די ישיבה יוניווערסיטי באַשטעהט פון צוויי דעפּאַרטמענטס: פון א ישיבה אויפ'ן אַלטען שטייגער, אזוי ווי די ליטווישע ישיבות פון דער אַלטער היים, און פון א מאָדערנעם אוניווער־זיטעט, וועלכער קען זיך פאַרגלייכען מיט זיין אַקאַדעמישען סטאַנדאַרד צו די מאָדערנסטע קאָלעדזשעס פון לאַנד, איז דאָך די ישיבה דער הויפּט ציל פון אט דער גרויסער סינטעטי־שער אינסטיטוציע. און דערפאַר איז דער סמיכה יום־טוב טאַקע די גרויסע שמחה פון דער ישיבה.

דער חג־הסמיכה אונטערשיידעט זיך פון דער קאָלעדזש גראַדיואַיישאַן מיט נאָך עפּעס, וואָס ווערט אפשר באַטראַכט פאַר א קליינינגקייט, אבער אין תוך גענומען וואַרפט עס א גוטען שיין אויף דער אינסטיטוציע. איך מיין עס אַנטקעגען דעם, וואָס די קאָלעדזש גראַדיואַיישאַן ווערט, נאַ־טירליך, געפירט אין דער ענגלישער שפּראַך. דאַגעגען דער חג הסמיכה ווערט געפירט אויסשליסליך אין דער אידישער שפּראַך. אַלע רעדען אידיש. און דער אידיש־רעדען מאַכט דעם



הרב יוסף דוב סאָלאָווייציק

יום־טוב היימיש. און טראָץ דעם וואָס דער יום־טוב ווערט געפּראַוועט מיט אַקאַדעמישער אָרדנונג און צערע־מאָניאַל, דאָך קוקט עס אויס ווי א גרויסער „סיום־התורה" פון די אמאָ־ליגע ליטווישע שטעטלעך, וואו די תורה איז די הויפּט מחותנת'טע. אַלע פיהלען זיך היימיש, סיי די הויפּט־מחותנים, די יונגע רבנים, סיי די געסט און אוודאי און אוודאי די ראשי הישיבה, די רביים פון דער ישיבה, וואָס זייער שפּראַך און אונטעררִיכט־שפּראַך איז דאָך מאַמע־לשון. און אידיש האָט א מאָדנע מעלה — אַלע פאַרשטעהען וואָס מען רעדט!

זיין אופן געשילדערט די מאַכט וואָס דער רב האָט צוליב זיין סמיכה. ווער, למשל, האָט עס ניט געזעהן ווי דער בוטשער פלעגט שטעהן א צושראַקע־נער ווען דער רב האָט געהאַלטען אין האַנט די „ריאה" (די לונג) פון א בהמה אויף וועלכער ס'איז געווען א שאלה. דער בוטשער האָט געוואוסט, אז ביים רב אין האַנט איז געלעגען די מאַכט כשר צו מאַכען די בהמה, אָדער זי טריף צו מאַכען. דאָס זעלבע ווען א אידענע איז געקומען פרעגען א שאלה אויף א מילכיגען לעפעל וואָס האָט זיך אריינגעמישט אין א פליישיגען טעפּעל, אָדער ווען מ'האָט געפונען א חמצ'דיגען ווייץ אין א פּסח'דיגען געקעכץ, און די פרוי אָדער דער מאַן זיינען געשטאַנען צושראָ־קענע און געוואַרט אויפ'ן רב'ס פסק: „כשר" אָדער „טריף". און ווער רעדט, ווען ס'האָט זיך געהאַנדעלט אין א „שאלת־נשים" פון גיטין, אָדער אן עגונה־פראַגע. אַלץ איז געווען אָפּהענגיג אין רב, ווייל ער האָט גע־האַט סמיכה! יאָ, סמיכה איז מאַכט. אבער דער רב האָט ניט גענוצט זיין מאַכט פאַר זיך. ער האָט די סמיכה־מאַכט ניט גענוצט צו שטאַרקען זיין פערזענליכע אויטאָריטעט, אָדער זיין פערזענליכען אינטערעס. נאָר פאַר־קערט, דער רב איז געווען דער סימבאָל פון פשטות און עניוות. גרויסהאַל־טעריי איז ניט געווען קיין סימן פון רבנות. פאַרקערט, וואָס גרעסער דער רב, אַלץ פשוט'ער איז ער געווען. און דעריבער איז דער אמאָליגער רב גע־ווען אזוי באַליבט ביי אידען. אידיש־קייט איז געגען מאַכט, האָט הרב סאָלאָווייציק אויסגערופען. מאַכט — דאָס איז עבודה זרה, געצענדינעריי, און אזוי ווי אידישקייט איז געגען געצענדינעריי, אט אזוי איז אויך אידישקייט געגען פערזענליכער מאַכט און גרויסהאַלטעריי.

הרב סאָלאָווייציק האָט געזאָגט, אז מען זאָל זיך ניט איינריידען אז אין אמעריקע איז אַנדערש; אז אין אמע־ריקע דאַרף זיך א רב אַנדערש פירען. „ניין", זאָגט הרב סאָלאָווייציק. רבנות אין אמעריקע איז דאָס זעלבע וואָס רבנות איז געווען אין דער אַל־טער היים. ס'איז אמת, זאָגט ער, אז עס איז פאַראַן דאָ ביי אונז אַן אמעריקאַנערווירקליכקייט, אָדער אמעריקאַנער אומשטענדען — אבער די אויפגאַבען פון רב זיינען די זעל־ביגע.

און פאַרבייגעהענדיג האָט ער באַ־מערקט, אז רבנים זאָלען ניט פסק'ענען קיין שאלות אויפ'ן טעלעפאָן. אין אמעריקע פּאַסירט, אז די גרעסטע שאלות, ווי וועגען גיטין און קידושין, עגונות און חליצה, ממזרים און גרות,

שפּראַך איז דאָך מאַמע־לשון. און אידיש האָט אַ מאָדנע מעלה — אַלע פאַרשטעהען וואָס מען רעדט!

איין אויסנאַם איז יאָ געמאַכט געוואָרן — און דאָס איז פאַר דער העברעאישער שפּראַך. פּראָפעסאָר שמואל ל. זאַר, דיען אָוו מען פון ישיבת רבנו יצחק אלחנן, האָט געעפענט די סמיכה־פייערונג מיט אַ באַגריסונג צו די יונגע מוסמכים און די געסט אין דער העברעאישער שפּראַך, און טאַקע אין דער „הברה־ספרדית", אַזוי ווי מען רעדט אין מדינת ישראל.

דער קלימאַקס פון דעם יום־טוב זיינען געווען די גייסטרייכע רעדעס פון הרב דר. בעלקין און פון הרב דר. יוסף־בער סאַלאָווייציק. ביידע האָבען גערעדט וועגען די אויפגאַבען און די פליכטען פון דעם יונגען רב אין אַמעריקע.

הרב דר. בעלקין, דער הויפּט פון דער ישיבה, האָט באַמערקט, אַז די ישיבת ר' יצחק אלחנן עקזיסטירט שוין איבער פופציג יאָר, אָבער דער גרויסער וואוקס פון דער ישיבה איז געשעהן בלויז אין די לעצטע 25 יאָר. און ניט נאָר איז די ישיבת ר' יצחק אלחנן אַליין אויסגעוואַקסען גרויס אין דער קורצער צייט, נאָר מער ווי הונדערט ישיבות זיינען אויסגעוואַקסען פאַר דער צייט איבער'ן גאַנצען לאַנד.

הרב יוסף־בער סאַלאָווייציק, וועמען דר. בעלקין האָט פאָרגעשטעלט אַלס וועלט־באַרימטען גאון און געלערנטען, האָט געהאַלטען די געזעגענונגס־רעדע אין נאָמען פון דער ישיבה צו די יונגע רבנים.

אין דער רעדע, וועלכע האָט געדויערט איבער אַ שעה צייט, האָט ער אויך זיין שטייגער אָנגעוויזען פאַר די יונגע רבנים די וועגען אין וועלכע זיי דאַרפען געהן און ווי אַזוי זיי דאַרפען זיך פירען.

הרב סאַלאָווייציק, אַנאַליזירענדיג די וויכטיגקייט און די מאַכט, וואָס סמיכה טראָגט מיט זיך, האָט ער אָבער גלייכצייטיג באַטאָנט, אַז דער יונגער רב טאָר ניט פאַרגעסען, אַז די סמיכה איז ניט קיין מאַכט פון „כוחי ועוצם ידי", פון פערזענליכער אויטאָריטעט, נאָר דאָס איז אַ „נטילת־רשות", אַ ערלויבעניש וואָס ער האָט געקראָגען פון זיינע רביים, וועלכע האָבען אים געלערענט תורה. די סמיכה איז די גייסטיגע רעפלעקסיע, וועלכע די רביים פון דער ישיבה האָבען אויף אים משפּיע געווען. אויב דער יונגער רב וועט עס געדענקען, אַז די מאַכט פון סמיכה איז ניט זיין אייגענע, איז ממילא וועט ער זיך ניט גרויסהאַלטען מיט דעם און וועט זי ניט נוצען פאַר זיין פערזענליכען אינטערעס, נאָר פאַר'ן וואוילזיין פון זיין קהילה.

און הרב סאַלאָווייציק האָט אויך

שאלות, ווי וועגען גיטין און קידושין, עגונות און חליצה, ממזרים און גרות, גיט מען אַ פרעג אויפ'ן טעלעפאָן און מען וואַרט אַז דער רב זאָל גלייך געבען דעם ענטפער אויפ'ן אָרט. און דער רב האָט מורא, אַז טאָמער וועט ער גלייך ניט ענטפערען, וועט מען אים חושד זיין אַז ער קען ניט לערנען. און דעריבער וויל ער ענטפערען. ניין, זאָגט הרב סאַלאָווייציק, דאָס זיינען ניט קיין לייכטע שאלות. אויף די שאלות פלעגען אַמאָליגע גרויסע רבנים זיך מאַטערען וואָכען און מאָנאַטען ביז זיי האָבען גע'פסק'ענט. און אפילו ווען זיי זיינען שוין געווען גרייט צו פסק'ענען, האָבען זיי געוואַרט אַז נאָך גרויסע רבנים זאָלען מסכים זיין מיט זיי. ווען עס קומען צו אייך אַזעלכע שאלות, פסק'ענט זיי ניט אַליין, נאָר פרעגט זיך אָן ביי אייערע רביים.

הרב סאַלאָווייציק האָט אויך גערעדט וועגען די פליכטען פון רב צו זיין קהילה, און צו יעדען אידען באַזונדער. ער האָט געזאָגט: גיט זיך אָפּ מיט יחידים, דערמוטיגט יעדען אידען באַזונדער, אַז ער זאָל קומען צו אייך מיט זיינע פּראָבלעמען און העלפט אים טאַקע אַרויס מיט אַלע אייערע מעגליכקייטען.

הרב סאַלאָווייציק'ס רעדע, ווי אויך די רעדע פון הרב בעלקין, האָבען איבערגעלאָזען אַ רושם, וועלכען די יונגע רבנים וועלען עס לאַנג געדענקען.

מאָנטיק מערץ 16, 1953